חג הסוכות ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון כ"ב ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"


**פטרון סדר דברים**

הרוצה בעילום שמו

לטו"נ הרה"ק רבי אלעזר
בן הרה"ק רבי אלימלך זי"ע מריישא


# ד' מינים

## ושמחתם לפני ה' אלקיכם;

וויאַזוי די ד' מינים זענען משפיע אַ פנימיות'דיגע שמחה

ערב סוכות תשע"ט

### א

## הדר באילן משנה לשנה; די הויכע שורש פון די ד' מינים ברענגט אונז אַ מורא'דיגע 'חיות' פון 'אלוקית'

### וואָס איז די פשטות פון מצות ארבע מינים

מיר גרייטן זיך אַלע צו מקיים זיין די מצוה חביבה פון ד' מינים, אידן זענען עוסק און זוכן צו האָבן כשר'ע, מהודר'דיגע ארבע מינים. אָבער ווען ס'קומט צו די מהות און פנימיות פון די מצות עשה פון "ולקחתם לכם" איז אַביסל שווער זיך צו אַריינלייגן אין דעם טעם המצוה, וויבאַלד ס'איז זייער אַ פנימיות'דיגע מצוה, עס שטייט דאָך נישט ביי דער מצוה "זכר ליציאת מצרים", איז וויאַזוי דינט מען דעם אויבערשטן מיט דעם מצוה?!

אויב מען גייט על פי קבלה איז דאך ידוע אַז דאָס ברענגט אַ געוואַלדיגע שפע "**מדעת עליון לנוה אפריון**", און נאָך גרויסע טיפע זאַכן. אָבער מ'דאַרף דאך אויך וויסן די פשטות; וואָס איז דער פשוט'ער טעם: וואָס מען זאָל טראַכטן בשעת מען איז מקיים די מצוה פון נטילת ארבעת המינים.

### די שמחה וואָס ווערט נשפע פון ד' מינים

די תורה הק' זאָגט (אמור כג, מ) "**ושמחתם לפני ה' אלוקיכם**", און דער **ספר ה'חינוך'** (מצוה שכ"ד) איז מסביר אַז די ד' מינים האָט אַ טבע אַז דאָס ברענגט אַ מענטש צו שמחה! דערפאַר האָט אונז דער אויבערשטער געהייסן נעמען דוקא די ד' מינים, ווייל סוכות איז 'זמן שמחתינו' און דורך די ד' מינים קען מען באַקומען שמחה.

אויבן אויף קוקט דאָס אויס ווי אַביסל אַ באַהאַלטענע זאַך, ווייל וויאַזוי ברענגען פונקט די ד' מינים צו שמחה, מער פון יעדע אַנדערע צומח?!

לאָמיר דעריבער פרובירן אָפצולערנען וואָס צדיקים זענען אונז מסביר אַביסל מער, וואָס טוט זיך אָפ מיט דער הייליגער מצוה.

### די ארבע מינים זענען העכער ברוחניות פון אַלע אַנדערע געוואוקסן

די ערשטע זאַך דאַרף מען וויסן אַז אויב דער אויבערשטער האָט אונז געזאָגט אַז מיר זאָלן נעמען די ד' מינים **מוז זיין אַז זיי האָבן אַ ספעציעלע כח פון קדושה!**

טראָצדעם וואָס ווען מיר קוקן מיט אונזערע פשוט'ע אויגן זעט אונז אויס אַז אַלע צמחים זענען די זעלבע זאַך, מיר זען נישט קיין שום נפקא מינה ברוחניות צווישן אַ לעמאָן, אַ מאַראַנץ, אַן עפל און אַן אתרוג, **אָבער די תורה פאַרציילט אונז אַז דער אתרוג איז למעשה זייער אַ רוחניות'דיגע פרוכט!**

אויך ביי מענטשן זעט מען נישט אַלעמאָל קיין חילוק. אַלע האָבן די זעלבע צוויי אויגן און מויל, **אָבער ס'איז דאָ אַ גרויסער נפקא מינה צווישן אַ איד וואָס איז אויסגעהאָרעוועט אין זיין פנימיות, און אַנדערע מענטשן**, אויך אויב מען קען עס נישט ממש באַמערקן. **די זאַכן פון 'חכמה', 'רוחניות', און 'נשמה' קען מען נישט זען אינדרויסן!** אפילו דער חילוק צווישן אַ איד מיט אַ גוי זעט מען נישט אַלעמאָל, **אָבער בפנימיות איז דאך דאָ אַ חילוק**

**אותיות מחכימות**

ספר החינוך מצוה שכד – לקיחת ארבעה מינים

משרשי המצוה כבר כתבתי לך בני כמה פעמים במה שקדם, שהאדם נפעל כפי פעולותיו שיעשה תמיד, ורעיוניו וכל עשתונותיו נתפשות אחרי פועל ידיו, אם טוב ואם רע. ועל כן, כי רצה המקום לזכות את עמו ישראל אשר בחר, הרבה להם מצוות להיות נפשם מתפעלת בהן לטובה תמיד כל היום. וכו'.

וכמו כן מצות הלולב עם ג' מיניו, מזה השורש הוא. לפי שימי החג הם ימי השמחה גדולה לישראל, כי הוא עת אסיפת התבואות ופירות האילן בבית, ואז ישמחו בני אדם שמחה רבה. ומפני כן נקרא חג האסיף. וציוה הקל לעמו לעשות לפניו חג באותו העת, לזכותם להיות עיקר השמחה לשמו יתברך. ובהיות השמחה מושכת החומר הרבה ומשכחת ממנו יראת אלקים בעת ההיא, ציונו השם יתברך לקחת בין ידינו דברים המזכירים אותנו כי כל שמחת ליבנו לשמו ולכבודו. והיה מרצונו להיות המזכיר מין המשמח, כמו שהעת עת שמחה, כי צדק כל אמרי פיו. וידוע מצד הטבע כי ארבעת המינים כולם משמחי לב רואיהם.

**אָן קיין גרעניץ.** ווען מען הייבט אן רעדן מיט אַ געהויבענעם איד זעט מען גלייך, אַז אפילו אויב מיט זיין דרויסנדיגע לבוש איז ער פּונקט ווי אַנדערע, אָבער זיין פּנימיות איז אַזוי ווייט פון זיי אַז ער האָט בכלל נישט קיין שייכות צו זייער מדריגה.

דאָס זעלבע איז מיט די 'ארבע מינים' וואָס די תורה הק' האָט אונז געהייסן נעמען. איז מבואר אין ספרים הק' אַז **טראָצדעם וואָס זיי זען אויס פּונקט ווי אַלע אַנדערע צמחים איז דאָס גאָר הייליגע רוחניות'דיגע מינים, וואָס האָבן אין זיך אַסאַך אַ גרעסערע 'אלוקות'!** יעדע זאַך אויף דער וועלט, אפילו אַ 'דומם' און אַ 'צומח' קען בלויז עקזיסטירן מיט די 'אלוקות' וואָס איז מחיי' די זאַך, און **ס'איז דאָ געוויסע מינים וואָס זענען הייליגער פון אַנדערע** ווייל זיי האָבן מער אלוקות!

## דער אתרוג איז סובל אַלע קעגנזייטיגע 'הפכים'

דער הייליגער **בעל התניא** איז מסביר (סידור עם דא"ח, להבין שורש ענין הלולב ומיניו), אַז אין די תורה שטייט דאָך נישט דאָס וואָרט "אתרוג", נאר "פרי עץ הדר", און חז"ל לערנען אַרויס אין די גמרא פון דעם וואָרט "הדר", אַז ס'דאַרף זיין דוקא אַ פרי וואָס איז "הדר באילן משנה לשנה" (סוכה לה, א).

דער אתרוג האָט אַן אינטערעסאַנטע נאַטור אַז ס'האַלט זיך אויף דעם בוים אַגאַנץ יאָר! אַנדערש ווי אַלע אַנדערע פּירות וואָס יעדע מין האָט זיך זיין טבע, אָדער וואַקסט עס ווינטער ווייל ס'דאַרף האָבן די קעלט, אָדער וואַקסט עס זומער, ווייל עס דאַרף די היץ; ווידער איז דאָ פרוכט וואָס דאַרף האָבן די זון און אַנדערע דארף האָבן די לבנה, א.א.וו.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווייל יעדע פרוכט איז יונק פון איין באַשטימטע מדה וואָס דאָס מאַכט אַז די פרוכט זאל האָבן די געוויסע סאָרט נאַטור. אַזויווי מ'זעט ביי מענטשן אַז יעדער האָט אן אַנדערער תכונת הנפש; **איינער האָט אַ נאַטור פון 'מדת החסד' ווייל זיין שורש איז פון די מדה, און אַ צווייטער האָט אַ נאַטור פון 'מדת הגבורה' ווייל ער קומט פון אַ צווייטע שורש.** אַלע מדות קומען פון גאָר הויכע פלעצער אָבער יעדער מענטש האָט זיך זיין שורש און מען קען דאָס זען אויף די גאַנצע מהות פון דעם מענטש. ווי ס'איז ידוע אַז די אבות הק', אברהם, יצחק און יעקב, האָבן אַלע געדינט דעם אויבערשטן אַנדערש, יעדער איינער לויט זיין מדה און דאס זעט מען אין אַלע דורות אַז יעדער איד האָט זיך זיין עבודה ווייל ער קומט פון אַן אַנדערע סאָרט שורש.

די זעלבע זאַך איז דאָ ביי פּירות, יעדע מין צומח קומט פון אַן אַנדערע שורש מלמעלה, און דערפאַר דארף יעדע צומח וואַקסן אויף אַן אַנדערע סאָרט וועג. אָדער ווינטער, אָדער זומער, אָדער זון, אָדער לבנה, וכו'.

זאָגט דער בעל התניא אַז ביי דעם אתרוג זעט מען אַז **דאָס ווערט בכלל נישט אַפעקטירט פון די אַלע שינויים פון 'קיץ, חורף, קור, חום, שמש, לבנה, יום לילה'!** דער אתרוג וואַקסט אויפ'ן בוים אין אַלע סאָרט אומשטענדן און מצבים! דאָס ווייסט אונז אַז **די טבע פון דעם אתרוג קומט פון גאָר אַ הויכן שורש וואָס דעריבער קען דאָס סובל זיין אַלע הפכים!** דער אתרוג קומט פון אַ "מקום עליון עד מאוד" וואָס איז אַסאַך העכער פון אַלע מדות, דעריבער קען דאָרט זיין חסד, גבורה, תפארת, און אַלע אַנדערע מדות אויף איינמאָל! דער אתרוג באַקומט אַ הויכע חיות וואָס איז גרעסער פון אַלע געווענליכע שורשים פון דער בריאה!

מ'קען דאָס אויך זען אַז ס'איז דאָ צדיקים וואָס האָבן אַ כלליות'דיגע סאָרט נפש, זיי קענען האָבן שייכות סיי מיט פשוט'ע שוואַכערע אידן און סיי מיט די גרעסטע תלמידי חכמים און צדיקים. דאָס איז וויבאַלד זיי האָבן אַ כלליות'דיגע נשמה וואָס קען סובל זיין אַלע מדות. ביי די פּירות איז אויך דאָ אַזאַ סאָרט מדריגה, און דאָס איז דער אתרוג, וואָס קומט פון גאָר אַ הויכע שורש.

---

**אותיות מחכימות** | סידור עם דא"ח של הרה"ק בעל התניא זי"ע | שער הלולב

להבין שורש ענין הלולב ומיניו, הנה כתיב ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר כפת תמרים וענף עץ עבות וכו', וידוע דברי רז"ל שהאתרוג נקרא פרי עץ הדר מפני שדר באילנו משנה לשנה.

ולהבין זה יש להקדים תחלה בענין סיבת התחלקות הנבראים בטבעיים שונים זה מזה, שאינו דומה אחד לחבירו כלל, כמו גם בשכליים נבדלים אין אחד דומה לחבירו, זה שכלו מטה כלפי חסד וזה שכלו מטה כלפי דין מפני שינוי מהות טבעם, וכך הוא עד רום המעלות, יש ריבוי התחלקות מדריגות מלאכים ונשמות, בכל עולם לאין שיעור. וכל זה מפני ששרשי השפעתו והמשכת האור נמשך מעשר ספירות וכו', ובאים בהתחלקות ומדריגות שונות מאד, ולזה הטעם גם למטה מטה, בחלקי דומם צומח חי' הגשמיים יש התחלקות המינים שונים לאין מספר, לפי שזה שרשו מבחינת הגבורות וזה שרשו מבחינת החסדים.

שכל גידול הצומח תלוי באופני מזיגת הקור והחום בקיץ וחורף או ביום ולילה, וכידוע שיש צמחים רבים שגדלים דוקא מן החמה, ויש צמחים רבים שגדלים דוקא מן הלבנה, ובודאי הם כמעט ב' הפכים שאלו גדלים מן החום של השמש ביום, ואלו גדלים מקור הלבנה בלילה, ומסתמה לאותם שגדלים מן החום יזיק להם הקור, ואותם שגדלים בקור יזיק להם החום.

אך האתרוג הוא משונה מכל הצמחים, הגדלים מקור וחום דימי הארץ בקיץ וחורף יום ולילה, שהרי האתרוג נקרא פרי עץ הדר לפי שהוא דר באילנו משנה לשנה, והיינו שמתעכב באילן שהוא גדל בו שנה תמימה. ובשנה תמימה כבר חלפו עליו כל שינויי העתים דקיץ וחורף, קור וחום דשמש ולבנה, ביום ובלילה, ולא הזיקו שינויי עתים האלו לפרי האתרוג כלל.

מפני שבטעו לסבול ב' הפכים דקור וחום, על כן הוא דר באילנו משנה לשנה ומתקיים, ואם כן בהכרח לומר ששרשו למעלה מעלה במקום ומדריגה עליונה הרוחניות המגדלת אותם, שהוא ג"כ בחינה ומדה שסובלת כל ההפכים דחסד וגבורה, ולפי זה גם שורש הראשון דאתרוג הוא ג"כ בחינת ומדריגה הסובלת כל ההפכים דחסד וגבורה העליונים, שיש אור העליון הנעלה מכל ההפכים, שע"י הארתו מתכללים כל ההפכים. והיינו גם כן שורש בחינת האתרוג למעלה, מה שיוכל לקבל כל ההפכים, להיות שרשו באור העליון שלמעלה מבחינת ההתכללות ומזיגות, במדות שנחלקו לחלקים ואופנים שונים כמו קור וחום יום ולילה, על כן לא יזיק לו שינויי העתים של השפעות המדות.

ככה יובן ג"כ בענין הלולב ומיניו הדס וערבה, שהוא ג"כ רק בחינת היחוד וההתכללות שנקרא אחדות. דהנה אנו רואים שהאילן שנקרא דקל שהוא הנקרא תמר, וכמ"ש כפת תמרים, הוא מובדל מכל שאר האילנות שבעולם בדבר אחד, והוא בגידול ענפי האילן.

שבכל האילנות כל ענפיהן יוצאים מפורדים זה מזה, זה לכאן וזה לכאן כי כך הוא גידולם, שזה הענף יוצא גידולו לצד זה וזה יוצא לצד אחד, וכל אחד מתגדל בריחוק מזולתו בלתי מתחבר בו כלל, ואי אפשר בשום אופן לחבר הענפים יחד, כי זה נוטה התפשטותו לצד הימין במקורן וזה לצד שמאל ביותר.

אבל ענפי האילן שנקרא דקל ותמר, שהוא הנקרא לולב, הרי אנו רואים שענפיו גדלים באחדות ובאחוה זה על זה, דהיינו שכל אחד יוצא גידולו בדבוק לחבירו זה על זה, ובהתאחדות גדולה עד כשכולם מיוחדים כגוף אחד, וכל זה מורה בחינת היחוד וההתכללות שנקרא אחדות, היפך בחינך הפירוד.

וכמו כן בההדס שנקרא ענף עץ עבות, ואמרו ז"ל שענפיו חופין את עציו וכו', שהוא רק בחינת היחוד והחיבור להתחבר כולן יחד, שלא יהי' פירוד בין הדבקים כלל וכלל.

וכמו כן הערבה שנקרא ערבי נחל שגדלים על המים ונקרא אחוונא מפני שגדלים באחווה כדפירוש רש"י בשבת שהערבה נקרא אחוונה לפי שגלים באחווה.

ואם כן הרי אנו רואים בגשמיות הד' מינים הללו, בלולב ומיניו, שכולם הוא רק בבחינת האחדות והחיבור, היפך בחינת הפירוד, שהוא על ידי הארת אור עליון מכולם, שעל ידי זה נמשך בחינת ביטול בכל ההפכים, עד שמתאחדים ומתכללים והיו לאחדים ממש.

**אותיות מחכימות**

בני יששכר מאמרי חודש תשרי מאמר יא - אות חיים

אמרו חז"ל ענין ארבעת מינים בחג הקדוש הלזה, אמרו במשלם, להרבה בני אדם שהיו נידונין לפני המלך ולא ידעו מאן נצח דינא, כשהיו רואין אחד שיצא וסימן בידו מבית המלך יודעים דין נצח, כך ישראל ואוה"ע נידונין בר"ה וכו' ואינם יודעים מאן נצח דינא, כשמגיע יום ראשון דחג וישראל יוצאים עם הד' מינים הללו, הכל יודעים שהם נצחו הדין. זה תוכן דברי חכמינו ז"ל.

ומהראוי להתבונן איך הוא הענין שהארבעה מינים הללו דייקא יהיו לסימן מבית המלך, דהנה ע"פ המשל שהביאו, אותו האיש שיצא בסימן ואות חיים מלפני המלך, על כרחך הכל מכירים שזה חותם המלך ונלקח מבית המלך, משא"כ בנמשל, היינו מצות ד' מינים הללו מהו הסימן.

ונראה ע"פ אשר חכמים הגידו ואבותינו סיפרו לנו ע"פ קבלתם הלא הוא בספרי המקובלים הראשונים אשר ארבעה מינים הללו אין שר שולט עליהם, רק הם מתגדלים בהשגחתו ית"ש, בלי אמצעי, ממילא סימנא מלתא ניתן לאות חיים לישראל, שהם ג"כ אינם תחת ממשלת השרים, וכתיב בה ואתם הדבקים בהוי' אלקיכם חיי"ם כולכם היום.

## אַלע ד' מינים קומען פון אַ הויכע 'מקור עליון'

דער בעל התניא זאָגט ווייטער אַז נישט בלויז דער אתרוג האָט די מעלה, **נאר אויך אַלע אַנדערע מינים, דער לולב, די ערבות און די הדסים, קומען אַלע פון אַ 'מקום גבוה ביותר'**, און מ'קען דאָס זען אויף די צורה וויאַזוי דאָס וואַקסט.

ביי אַלע אַנדערע 'צמחים' איז דער מציאות אַז וויפיל מער עס וואַקסט, אַזויפיל מער ווערן זייערע צווייגן און בלעטער אויסגעשפּרייט און עס רוקט זיך ווייטער פון דעם שטאַם. אָבער **ביי דעם 'לולב' זענען אַלע בלעטער באַהאָפטן אַרום די שדרה און עס ווערט נישט אויסגעשפּרייט!** דאָס זעלבע איז ביי דער **'הדס'** אַז די דריי בלעטער נעמען אַרום דעם צווייג - 'ענפיו חופין את עציו' און דאָס זעלבע איז ביי די **'ערבה'**, ווי רש"י ברענגט אַז אין מסכת שבת כ ע"א אַז דערפאַר ווערט די ערבה אָנגערופן מיט'ן נאָמען 'אחוונא' ווייל עס וואַקסט 'באחוה'.

די אַלע זאַכן צייגט אפילו פאר אונזערע גשמיות'דיגע אויגן אַז די ד' מינים זענען יונק זייער חיות **פון גאָר אַ הויכע פּלאַץ וואו ס'איז בכלל נישט פאַרהאַן קיין שום ענין פון 'פירוד'!** יעדע זאַך איז בשורשו איינס, הערשט שפּעטער ווען עס ווערט דערווייטערט פון דעם הויכן שורש צעטיילט זיך דאָס און ס'ווערט נפרד, אָבער **די ד' מינים זענען אייביג געבליבן אויף דעם הויכן פּלאַץ**, דעריבער ווערן זיי קיינמאָל נישט צעטיילט!

## די ד' מינים האָבן נישט קיין שר, זייער חיות קומט פון השי"ת אליינס

דער **בני יששכר** אין די מאמרים פון חודש תשרי (אות חיים, מאמר יא, אות א) זאָגט כעין זה אַז דער חילוק צווישן די ארבעה מינים און די אַלע אַנדערע מינים איז אַז אַלע סאָרט צמחים באַקומען זייער חיות דורך אַ 'שר' פון הימל, **אָבער די ד' מינים זענען יונק זייער חיות, אָן קיין שום אמצעי, בלויז פון השי"ת אליינס!**[א]

אין ספר **'חסד לאברהם'** ברענגט ער אַ ראי' אויף די הויכע שורש פון דעם אתרוג, פון דעם וואָס די הלכה איז לגבי 'מעשר' און 'שמיטה' אַז דער אתרוג איז מיט אַסאַך הלכות גלייך צו אַן 'אילן' און מיט אַסאַך הלכות איז דאָס גלייך צו 'ירק'. **דער אתרוג איז זייער כלליות'דיג ווייל ער האָט אַלעס אין זיך!** פאַרדעם זעט מען אויך אַז ער אתרוג האָט סיי אַ טעם און סיי אַ ריח, עס האָט אַסאַך אַ העכערע חיות וואָס מען זעט אפילו במציאות!

## די קדושה פון ד' מינים ווערט בלויז נתגלה אין דער באַשטימטער צייט פון סוכות

וועט איינער קומען און זאָגן אַז היות די ד' מינים זענען אַזוי הויך ברוחניות, וועט ער אינמיטן טבת מקיים זיין די מצוה פון נטילת לולב ווייל ער וויל עוסק זיין אין אלוקות. ער וועט פרעגן: "מ'קען נישט עוסק זיין אין אלוקות אינמיטן טבת?!" דער אמת איז אָבער אַז די תורה הקי' איז אונז מגלה "ולקחתם לכם ביום הראשון", אַז **דוקא אום סוכות איז דאָ די הייליגע כוחות אין די ד' מינים.**

אַ תלמיד פון "ישיבת חכמי לובלין' פאַרציילט אין זיינע זכרונות, אַז דער משגיח פון ישיבה, הגה"ק רבי **שמעון'לע זעליחובער** זצ"ל, האָט אַמאָל פאַרגעשטעלט פאר די בחורים וויאַזוי ווען ס'קומט אָן די נאַכט פון 'ט"ו ניסן' גייען אַלע קליפות אַריין אין דער חמץ, און מוצאי פסח פליען זיי אַרויס פון דאָרט...!

די תורה האָט אונז מגלה געווען אַז ס'איז דאָ געוויסע טעג וואָס האָבן ספּעציפישע כוחות וואָס קומט אַרויס בלויז דעמאָלט. ווי דער זוהר הקי' זאָגט אַז ווען אַ איד איז אָפּגעטיילט פון חמץ אין די זיבן טעג פון פסח קען ער שוין דערנאָך בלייבן געזונט אַגאַנץ יאָר. די זעלבע זאַך זאָגט אונז די תורה אויף די טעג פון סוכות, אַז **אויב מיר וועלן אין די זיבן טעג מקיים זיין די מצוה פון ד' מינים, וועט אונזער נשמה באַקומען אַ געוואַלדיגע ליכטיגקייט**, פון דער קדושה וואָס ליגט אין די ד' מינים.

ב

# ולקחתם לכם; ווען מיר האָבן אין באַזיץ ד' מינים האָבן מיר אַ נאָענטע קשר מיט די העכסטע דרגות פון חיות אלוקית

## די שייכות וואָס דער מענטש האָט מיט זיינע חפצים

די תורה הקי' זאָגט אונז "ולקחתם לכם" און חז"ל לערנען דערפון אַרויס אַז ס'דאַרף זיין דוקא "לכם".

די הסבר דערפון איז אַז יעדעס מאָל ווען אַ מענטש מאַכט אַ קנין אויף אַ זאַך, ער קויפט עפּעס אָפּ על פי תורה, **האָט ער באַקומען אַ מורא'דיגע טיפע שייכות מיט יענע זאַך.** ער איז געוואָרן צוגעבינדן דערצו! ווי מ'זעט אַז ווען אַ מענטש איז מקדש אן אשה איז יעצט געשען אַ נייע מציאות פון אַ 'קשר של קיימא' און זי איז געוואָרן אן 'אשת איש'.

אַזוי איז אויך ביי געלט, ווען אַ מענטש האָט געקויפט סיי וואָס מיט זיין געלט האָט ער אַצינד אַ מורא'דיגע שייכות מיט די זאַך. מ'זעט טאַקע אויך ביי קידושין אַז אויב אַ מענטש איז מקדש אן אשה אָבער דאָס געלט איז נישט זיינס האָט אַצינד גאָרנישט פּאַסירט, ווייל ער האָט נישט קיין קנין דערינען! ווידעראום **אויב ער גיט אַ פּרוטה וואָס באַלאַנגט יאָ פאַר אים איז יעצט געשען אַ קידושין!** ווייל ער האָט געגעבן אַ זאַך וואָס האָט אַ שייכות מיט אים, ווערט די אשה אויך מקושר צו אים, דורך זיין קשר צו דאָס געלט.

---

א. ראה ב'בני יששכר' שם שמביא כן בשם ספרי המקובלים הראשונים. וכן כתב הרמ"ע מפאנו (מאמר מעין גנים ח"ב) וב'מגלה עמוקות' (פרשת האזינו), והרחיד"א בספר 'ראש דוד' (פרשת אמור) הביאו בשם ספר 'תורת חכם' להרב המקובל מוה"ר חיים הכהן זלל"ה תלמיד מהרח"ו זצ"ל.

## עס דאַרף זיין ׳לכם׳ ווייל באַקומען מיר אַ קשר דערמיט

דער כלל איז, אַז אַ זאַך וואָס באַלאַנגט פאַר׳ן מענטש, **האָט דאָס אַ פערזענליכע שייכות מיט די נשמה פונעם מענטש!** מען קען דאָס זען ביי יעדע סאָרט זאַך, צום ביישפיל ביי די הלכות פון ׳**עבודה זרה**׳; אויב די ׳עבודה זרה׳ געהערט פאַר׳ן מענטש איז דאָס אסור צו האַלטן אין זיין רשות. דאָס זעלבע ביי ׳**חמץ בפסח**׳; אויב דאָס ליגט אין די רשות פון דעם איד איז דאָס אַ געפערליכע איסור וואָס איז פוגם זיין נשמה רח״ל, אָבער אין דער מינוט וואָס מען איז דאָס מפקיר ווערט די נשמה שוין נישט נפגם, **אפילו ס׳ליגט נאָך אין זיין חצר!**

דערפאַר האָט דער רבוש״ע האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן מקיים זיין די מצוה פון נטילת לולב **מיט ד׳ מינים וואָס באַלאַנגט פאַר אונז!** ווייל אַזוי וועט אונזער נשמה ווערן מקושר דערמיט און עס וועט ווערן נשפע פון די רוחניות׳דיגע חיות וואָס ליגט דערינען.

## די פנימיות פון ׳נטילת לולב׳

די תורה האָט אונז אויך געהייסן אויפהייבן די ד׳ מינים, ווייל כדי צו ריכטיג משפיע זיין אויף די נשמה איז נישט גענוג בלויז אַז מען קויפט די ד׳ מינים (ווי ס׳איז געווען אַ ׳הוה אמינא׳ אין דער גמרא) נאר מ׳דאַרף עס אויפהייבן! מען דאַרף טון אַ מעשה בפועל מיט דעם לולב און אתרוג! ווייל **אין דער רגע וואָס אַ איד האָט אויפגעהויבן די ד׳ מינים האָט עפּעס פּאַסירט מיט זיין נשמה!** יעצט וועט די קדושה און די רוחניות פון דער מצוה אַריינגיין טיף אין זיין האַרץ און עס וועט אים משמח זיין די נשמה.

דאָ פאָדערט זיך אַז אַ מענטש זאָל זיין אַביסל פּנימיות׳דיג. דאָס מיינט נישט אַז מ׳זאָל לעבן ׳על פי קבלה׳... נאר פשוט מען זאָל נישט בלויז קוקן אויף זאַכן לויט וויאַזוי זיי זען אויס פון אינדרויסן, נאר מ׳זאָל אויך נתעורר ווערן פון די פנימיות וואָס ליגט באַהאַלטן דערינען.

ווען מען לעבט בחיצוניות, איז בדרך כלל שווער פאַר׳ן מענטש צו פאַרשטיין: **"וואָס איז שוין געשען ווען כ׳האָב געגעבן אַ הייב אויף דעם לולב מיט׳ן אתרוג?"**. מן התורה איז מען דאָך יוצא די מצות עשה בלויז מיט׳ן אויפהייבן די ד׳ מינים, דערפאַר איז דאָ וואָס דרייען איבער דעם אתרוג בשעת די ברכה כדי מען זאָל נישט יוצא זיין בשעת מעשה, אָבער ס׳איז שווער פאַר׳ן מענטש צו כאַפּן: **"וואָס האָב איך שוין געטון דאָ?! וויאַזוי קען איך באַקומען דעם ׳אשר קדשנו במצותיו׳ מיט אַזאַ קליינע זאַך?!"**. ביי אַנדערע מצוות שפּירט ער אַז ער האָט כאָטש עפּעס געטון, צ.ב.ש. ביי ׳אכילת מצה׳ איז ער געווען פאַרנומען צו אויסרעכענען אַ כזית און ער האָט דאָס געגעסן, ער האָט דאָס אַריינגענומען אין זיך, אָבער **דאָ האָט ער דאָך בלויז אָנגערירט די ד׳ מינים און עס געהאַלטן?!**

דער אמת איז אָבער אַז פּונקט ווי אַ מענטש קויפט אַ חפץ און ס׳ווערט זיינס דאַרף ער נישט שוויצן אַז ס׳זאָל ווערן זיין אייגנטום... דער קנין פּאַסירט אויטאָמאַטיש ווען ער האָט דאָס אויפגעהויבן! אין דער רגע וואָס ער האָט געמאַכט די מעשה הקנין, דעמאָלט האָט ער באַקומען אַ שייכות מיט דער זאַך! **דאָס זעלבע געשעט ביי די מצוה פון ׳נטילת לולב׳; אין די רגע וואָס דער מענטש האָט אויפגעהויבן די ד׳ מינים האָט ער באַקומען אַ קשר מיט׳ן אויבערשטן וואָס האָט אונז מקדש געווען מיט דער מצוה!**

דער רבוש״ע האָט דערציילט דעם גרויסן סוד פאר זיין באַליבט פאָלק אַז מיר זאָלן אויפהייבן די ד׳ מינים און **ווען מיר טוען דאָס פּאַסירט אַ מורא׳דיגע שייכות מיט די אלוקות פון די מצוה!** אַגאַנץ יאָר גייט יעצט דער איד דינען דעם אויבערשטן מיט דעם כח וואָס ער האָט באַקומען פון די ׳ארבע מינים׳!

# למען דעת; די מצוה פון ׳נטילת לולב׳ איז משפיע פאַר׳ן מענטש ׳דעת׳ פון אמת׳ע אמונה

## די מתנה פון ׳דעת׳ וואָס מען באַקומט פון די ד׳ מינים

אין **ספרים הק׳** איז מבואר אַז די תועלת וואָס די נשמה באַקומט פון די מצות נטילת לולב איז אַז מען באַקומט אַ שפע פון ׳דעת׳. דעריבער הייבט מען אויף דעם לולב ווען מען זאָגט ׳למען דעת׳ נאָך די הושענות.

אַ מענטש דאַרף דאָך האָבן אַזויפיל שכל, ווי מיר בעטן דריי מאָל יעדן טאָג "אתה חונן לאדם דעת" "חננו מאתך חכמה בינה ודעת". וויאַזוי קענען מיר טאַקע זוכה זיין אַז דער רבוש״ע זאָל אונז געבן אמת׳ע "דעת עליון"?! דורך אויפהייבן די ד׳ מינים! **ווען מען טוט די מצוה פון ׳נטילת לולב׳ באַקומען מיר פון די קדושה און ס׳ווערט נשפע אַ שפע פון דעת!**

## די וועלט איז אָנגעפולט מיט כיסויים, וואָס פאַרדעקן דעם ׳חיות אלוקית׳

דאָס צו בעסער פאַרשטיין, שרייבט דער הייליגער "**יושר דברי אמת**" (אות נז) און די זעלבע ווערטער שטייט אין ספה״ק "**בית אהרן**" (לסוכות): אַז באמת וואָלטן מיר געקענט נתפעל ווערן און באַקומען די השגה אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט בלויז דורך זען אַ

> אפילו ווען פון הימל האָט מען זיי געגעבן אַ גוטן פליק קענען זיי שטאַרקן און קלאַמערן צום רבוש״ע.

טיש אָדער אַ בענקל. ווייל בעצם האָט דאָך יעדע זאַך אויף דער וועלט אַ ׳חיות אלוקית׳, און ווען אַ מענטש זעט אַ שטיק אלוקות וואָלט ער געדאַרפט נתעורר דערפון. אָבער למעשה, איז דאָס זייער שטאַרק באַהאַלטן אין אַ מורא׳דיגע ׳כיסוי׳, וואָס דעריבער זען מיר גאָרנישט. **אַ מענטש קען זיך אָפּלעבן אַ גאַנץ לעבן און ניטאַמאָל גאָרנישט כאַפּן וואָס ער זעט אַגאַנצן צייט!**

אויב וואָלטן מיר געקענט זען ריכטיג די ׳אלוקות׳ פון יעדע זאַך וואָלט דאָס געווען ווי אַ שאָק פאר דער נשמה, מען וואָלט געשפּירט די קדושה, פּונקט ווי ווען מען זעט אַ נס. וואָס איז דער כח פון אַ נס?! יעדער איד גלייבט דאך סייווי אַז דער רבוש״ע קען אַלעס באַווייזן?! **נאר ביז יעצט איז דאָס געווען באַהאַלטן און ווען עס פּאַסירט אַ נס ווערט נתגלה די אלוקות פון דער וועלט און גיט דאָס אַ חיות פאר דער נשמה.** אָבער באמת קען מען ווען באַקומען די חיות אויך פון פּשוט׳ע זאַכן, נאר ס׳איז באַהאַלטן.

## די ד׳ מינים האָבן דעם כח צו אויפדעקן די באַהאַלטענע ׳אלוקית׳ פון דער בריאה

אָבער די הייליגע ד׳ מינים, וויבאַלד זיי זענען יונק פון אַזאַ הויכע פּלאַץ, **האָבן זיי די געוואַלדיגע קדושה און די כח צו געבן שכל און דעת פאַר׳ן מענטש אַז ער זאָל זיך עפענען די אויגן און זען ׳אלוקות׳!** ער הייבט אָן אָנקוקן אַנדערש די זעלבע מציאות וואָס ער האָט געזען בעפאָר מיט אַ חיצוניות׳דיגן בליק, **אצינד קוקט ער דאָס אָן רוחניות׳דיג!** ער זעט די השגחה פּרטיות אין יעדע זאַך, ווייל ס׳איז מער נישט באַהאַלטן. **די כיסויים זענען געוואָרן אַראָפּגענומען!**

דאָס איז די אָפּטייטש פון ׳דעת׳! דאָס וואָרט ׳דעת׳ באַדייט אַז די שכל וואָס דער מענטש האָט אין זיין **׳מח׳** גייט יעצט אַריין אין דעם **׳הארץ׳** און עס נעמט גענצליך איבער דעם מענטש, **אַז ער זאָל זיך טוישן אויף למעשה!**

דאָס איז דער כח פון ׳דעת׳ צו איבערנעמען דעם מענטש אַז ער זאָל ווערן ׳מחובר׳ צו דער ידיעה, עס זאל ווערן איינס מיט אים און עס זאָל נישט בלייבן בלויז אַ ידיעה וואָס ליגט אין זיין מח... **אויב די שכל האָט געמאַכט אַז דער מענטש זאָל זיך פירן אַנדערש דעמאָלט ווערט עס אָנגערופן ׳דעת׳**, און דאָס איז דער כח פון די ד׳ מינים צו טוישן דעם מענטש, אַז די ׳חכמה׳ און די ׳שכל׳ זאָל זיך מתחבר זיין צו ווערן אַ חלק פון זיין פּערזענליכע ׳מהות׳, מיט אַ געוואַלדיגע שטאַרקע קלאָרקייט אין אמונה!

## אַ איד וואָס האָט ריכטיגע ׳דעת׳ איז גליקליך אין אַלע מצבים

דורכאויס דאָס יאָר הערן מיר דאָך אַזויפיל ידיעות פון אמונה. ס׳איז פאַרהאַן מענטשן וואָס קענען רעדן שיין פון אמונה אָבער ווען עס קומט למעשה העלפט דאָס נישט צופיל, ווידער זעט מען אידן וואָס זיי האָבן די כח צו לעבן דערמיט! אפילו ווען זיי גייען אַריבער אַ שווערע נסיון, מען זאָל נישט וויסן, שטייען זיי מיט אַ פעלזן פעסטע אמונה. ביי זיי איז דאָס נישט בלויז אַ שיין ווארט וואָס מ׳קען איבערזאָגן ביי די שבת׳דיגע סעודה צו מחזק זיין אַנדערע... נאר די אמונה איז אַריין אין זייער האַרץ, אַז **אפילו ווען פון הימל האָט מען זיי געגעבן אַ גוטן פליק קענען זיי שטאַרקן און קלאַמערן צום רבוש״ע.** די אמונה איז איינגעוואָרצלט ביי זיי און עס טוישט זייער גאַנצע וועג וויאַזוי זיי באַטראַכטן זאַכן!

אַזעלכע אידן זענען אמת׳ע ׳בעלי דעת׳ און זיי האָבן אַלעס אויף דער וועלט! ווי חז״ל זאָגן (תנחומא ויקרא א) **״דעת קנית, מה חסרת״**, ווייל אַ איד וואָס לעבט מיט אַזאַ סאָרט אמונה, וואָס איז אַ חלק פון זיין מהות, **פעלט אים נישט גאָרנישט!**

## די כח פון ד׳ מינים וועקט אויף די ׳חיות אלוקית׳ אין דער אידישער נשמה

דאָס לשון פון דעם ׳יושר דברי אמת׳ איז בלש״ק: **״אף על פי שכח האלוקות בכל דבר הוא בהעלם גדול מאוד״** - אפילו ווען אין אַלגעמיין זעט נישט דער מענטש די אלוקות וואָס גיט חיות פאר אַלע זאַכן אויף דער וועלט, אָבער דאָס קען פּאַסירן: **״כשנוטלים דבר מצוה ומקיימים אותה בדינה ובזמנה, משם מתגלה הכח ההוא שבו מאוד, דהיינו שהחיות האלוקות השוכנת בתוך הדבר הגשמי מתעוררת ושורה עליו הכח האלוקות העליון ומתגלה בו** ״ - ווען מען נעמט אַ חפץ של מצוה אין דער צייט וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט, דעמאָלט ווערט נתעורר די אלוקות וואָס איז דאָ אין דעם אתרוג און לולב. די חיות פון קדושה ווערט אויפגעוועקט און דאָס פועל׳ט אויף דעם איד׳ס נשמה אויסטערליש שטאַרק!

דער ׳בית אהרן׳ טייטשט מיט דעם וואָס דוד המלך ע״ה האָט געבעטן: **״תודיעני אורח חיים שובע שמחות את פניך נעימות בימינך נצח״**. אַז זיין בקשה איז געווען צו קענען זען די חיות וואָס איז דאָ אין יעדע זאַך, און ׳נעימות בימינך׳ איז מרמז אויף דעם לולב וואָס מען נעמט מיט דער רעכטער האַנט. אַזוי אויך איז לולב פון דעם לשון ׳לו לב׳ וואָס דורכדעם קען מען מנצח זיין דעם רע, אַראָפּנעמען אַלע קליפּות און משיג זיין דעם ׳חיות האלוקית׳.

## דורך דעם ׳קנין׳ פון די ד׳ מינים באַקומט מען דעם ׳דעת׳

ס׳איז אַ דבר נפלא וואָס מ׳זעט שטענדיג אַז **׳דעת׳ מיט ׳קנין׳ גייען אַלעמאָל צוזאַמען.** בלויז אַ ׳בר דעת׳ קען מאַכן ׳קנינים׳, ווי עס שטייט טאַקע אין מסכת סוכה ביי דער סוגיא פון ׳מתנה על מנת להחזיר׳ אַז אַ קטן קען קונה זיין אויב אַ גדול איז אים מקנה, אָבער אַ קטן קען נישט מקנה זיין ווייטער. ווייל אַז עס פעלט ׳דעת׳ דעמאָלט האָט מען נישט די מעגליכקייט צו מקנה זיין, און די זעלבע זאַך איז אויך פאַרקערט ווען אַ מענטש מאַכט אַ קנין באַקומט ער ׳דעת׳, דורך דעם קנין ווערט ער מחובר צו דער זאַך, עס ווערט אַ חלק פון אים. דער קנין ווערט זיינס אַ זאַך.

דעריבער ווען אַ איד איז קונה די ד׳ מינים און ער הייבט דאָס אויף, **ווערט ער מחובר צו די אלוקית דערפון!** און אַז ער ווערט מחובר דערמיט, **באַקומט ער דערפון ׳דעת׳** און דאָס ברענגט אים העכער און העכער, צו עפענען זיינע אויגן און אים גענצליך משנה זיין, אַז ער זאָל אָנהויבן לעבן און זען דעם אויבערשטן איבעראָל!

## אַ איד מיט דעת איז אַלעמאָל בשמחה

ביי די מצוה פון נטילת לולב זאָגט אונז די תורה: **״ושמחתם לפני ה׳ אלקיכם״** - זאָלסט וויסן אַז דאָס וועט דיך אַריינברענגען אַ שמחה! פרעגט אַ מענטש: ״וויאַזוי פּונקטליך ברענגט מיך די ד׳ מינים שמחה? מילא איינער וואָס האָט די שענסטע אתרוג אין שול, נו, האָט אפשר אַ חיצוניות׳דיגע שמחה, אָבער וויאַזוי קען איך מיט מיינע ד׳ מינים באַקומען שמחה?!״.

אָבער לויט ווי דערמאַנט איז דער תירוץ זייער פּשוט, ווייל ווען אַ איד איז זוכה צו ׳דעת׳, **דעמאָלט איז ״עוז וחדוה במקומו״** - ער לעבט אַ פּנימיות׳דיגע לעבן פון אמונה און קדושה!

מיר זאָגן דאָך אַלע ביים דאַווענען ״הגומל חסדים טובים לעמו ישראל״, אָבער ווען ס׳קומט צו למעשה, ווען מ׳גייט דורך שוועריגקייטן, איז דאָס נישט לייכט צו גלייבן באמת, **אָבער אויב מען האָט די ריכטיגע ׳דעת׳, און מ׳זעט דעם רבוש״ע אַביסל מער אָפן, דעמאָלט ווערט מען אַ פריילעכער מענטש!** אודאי איז דאָ מדריגות אין דעם, ס׳איז דאָ מדריגות פון ׳ימות המשיח׳ און ס׳איז דאָ מדריגות פון ׳עולם הבא׳, ווען מען וועט באמת מכיר זיין די חסדי ה׳ ביי יעדע זאַך, אָבער **אפילו יעצט קען אַ איד זוכה זיין צו דעם התגלות**, כאָטש אַביסל, און דעמאָלט איז מען גליקליך און פריילעך. דער ׳דעת׳ איז משמח דעם מענטש! דערפאַר האָט אונז די תורה הק׳ געזאָגט: **״זייט מקיים די מצוה פון נטילת לולב, האָב אינזין דעם רבוש״ע ווען דו האַלטסט דעם לולב און אתרוג, דאָס וועט דיך פריילעך מאַכן מיט׳ן אמת׳ן דעת!״**

### ◄ אותיות מחכימות ►

ספה״ק בית אהרן לסוכות

כתיב תודיענו אורח חיים, היינו להמשיך החיות של הקב״ה בכל העובדות של העולם הגשמי, כי בכל דבר יש חיות הבורא ב״ה, רק לפי האופן החומר כן דרגת הצורה באתגליא, ועולם הזה שהוא חומר גשמי מאוד אז הצורה (הפנימיות) היא בהעלם מאוד מאוד, וכו׳.

כללו של דבר שע״י קיום המצות בזה מבטלין ישראל את עולם הגשמי הזה ומביאין אורו של הקב״ה לזה העולם, וזה הפירוש תודיעני אורח חיים שובע שמחות, כי ע״י מצות סוכה ולולב ואתרוג שיש בזה אורות מקיפים ופנימים מביאים האור לזה העולם ונשפע לישראל כל טוב.

### די נענועים איז אויך אַ תפלה אַז מען זאָל זוכה זיין צו דעם 'דעת עליון'

ווען א איד האָט אינזין די כוונה בשעת ער איז מקיים די מצוה, איז **דאָס אויך אַן ענין פון אַ תפלה אַז ער זאָל טאַקע זוכה זיין צו באַקומען דעם חיות!** מיר זען אַז חכמינו ז"ל האָבן מתקן געווען אַז מען זאָל אויך דאַווענען מיט די ד' מינים און מען זאָל דערמיט בעטן דעם אויבערשטן: "אנא ה' הושיעה נא, אנא ה' הצליחה נא", מיר זאָלן אים דאַנקן: "הודו לה' כי טוב", און דערביי זאָלן מיר שאָקלן דעם לולב. חז"ל דערציילן אונז נאָכמער, אַז די 'אנשי ירושלים' זענען געגאַנגען אַגאַנצן טאָג סוכות מיט דעם לולב אין די הענט, ווייל **זיי האָבן געוואוסט אַז ווען אַ איד דינט דעם אויבערשטן מיט די ד' מינים וועט דאָס מער משפיע זיין אויף אים**, עס וועט אַריינגיין מער אין זיין האַרץ און עס וועט אים פרייליך מאַכן.

### די ספעציעלע כח צו פאַרטרייבן אַלע סאָרט עצבות

ס'איז דאָ אַ מורא'דיגע לשון פון דעם ערשטן בעלזער רב, דער שר שלום זי"ע, וזל"ק: **"לפעמים אדם רוצה להמשיך על עצמו שמחה, אלא שיש לו מניעה מצד טרדת הפרנסה וכדומה המביאתו לידי מרירות"** - צומאָל וויל אַ מענטש זיין בשמחה, און ווער וויל דען נישט זיין בשמחה, אָבער ער האָט אַ מניעה 'מצד טרדות הפרנסה וכדומה', דאָס וואָרט 'וכדומה' מיינט אונזערע אַלע טרדות וואָס מאַכט דעם מענטש פאַרקלעמט, עס גייט אים נישט ווי ער האָט געוואָלט, זאַכן קלאַפן נישט. **"והקב"ה נתן כח בארבעה מינים אלו להבריח כל מיני עצבות"**. דער רבוש"ע האָט אַריינגעגעבן אַ כח אין די ד' מינים אַז דאָס טרייבט אַוועק אַלע סאָרט עצבות! **"וממילא נמשכת לו טובה וברכה וכתוצאה מזה נמשכת שמחה"**.

דאָס איז דאך הפלא ופלא! **די ד' מינים האָבן אַ כח צו מבריח זיין כל מיני עצבות!** דאָס איז נישט געווען בלויז גילטיג אין די צייטן פון חז"ל, נאר מען דאַרף גלייבן באמונה שלימה אַז דאָס איז אַ נצחיות! אפילו דער פשוט'סטער איד קען ווערן פרייליך מיט די ד' מינים! **אַלע מצוות זענען געגעבן געוואָרן אַז אפילו אַ 'בר מצוה' בחור'ל זאל דאָס קענען מקיים זיין און האָבן אַ תועלת דערפון!** די מצוות ברענגען די השפעה נישט בלויז פאר בעלי כשרונות אָדער פאר עובדים, נאר יעדער איד וואָס איז דאָס מקיים מיט אַ תמימות, אפילו אָן אינזין האָבן די כוונת האריז"ל, באַקומט ער די סגולת המצוה וואָס דאָס איז 'להבריח כל מיני עצבות'!

דער שר שלום זי"ע זאָגט אַז: **"וממילא נמשכת לו טובה וברכה וכתוצאה מזה נמשכת שמחה"** - פון די ווערטער איז משמע אַז דאָ איז פאַרהאַן אַ פראָצעדור; צוערשט טוט די מצוה פאַרטרייבן די עצבות, כאָטש איז דער איד שוין נישט פאַרקלעמט, און דערנאָך ווען די עצבות איז שוין פאַרטריבן קען ער גיין צום קומענדיגן שטאַפל און באַקומען 'טובה וברכה', ער קען שוין ווערן פרייליך! **ער וועט באַקומען 'דעת' פון 'אמונה' און זוכה זיין צו די הבטחה פון "ושמחתם לפני ה' אלקיכם"!**

ד

# יאגדו אלו עם אלו; די געוואַלדיגע ברכה ווען דער 'אתרוג' מיט'ן 'ערבה' בינדן זיך צוזאַמען באגודה אחת

### די 'ארבע מינים' זענען מרמז אויף אַלע סאָרט כתות ביי אידן

בנוסף צו דעם פשוט'ן טעם פון דער תורה, אַז דורך נטילת לולב איז מען זוכה צו דעת און צו שמחה, ווייסן מיר דאך אַז אין יעדע ספר וואָס מען וועט נאר עפענען אויף די מצוה פון נטילת לולב, ווערט דאָרט דערמאַנט וואָס **חז"ל** זאָגן (ויקרא רבה ל) אַז די ד' מינים זענען מרמז אויף די פיר סאָרט כתות ביי אידן. - דער '**אתרוג**' וואָס האָט אַ טעם וריח איז מרמז אויף די מענטשן וואָס האָבן תורה ומעשים טובים; דער '**לולב**' וואָס האָט אַ טעם אָבער נישט קיין ריח איז מרמז אויף די וואָס האָבן תורה אָבער נישט קיין מעשים טובים; דער '**הדס**' וואָס האָט אַ ריח און נישט קיין טעם איז מרמז אויף די וואָס האָבן מעשים טובים אָבער נישט קיין תורה; און די '**ערבה**' וואָס האָט נישט קיין טעם און נישט קיין ריח איז מרמז צו די מענטשן 'שאין בידם לא תורה ולא מעשים טובים'.

דער מדרש זאָגט ווייטער: **"אמר הקדוש ברוך הוא יוקשרו כולם אגודה אחת והן מכפרין אלו על אלו"**. חז"ל שטעלן דאָס צו אַז דאָס איז גלייך ווי ביי אַ תענית ציבור, ווען אידן בעטן פאַר רעגן און מען דאַרף האָבן שפע אויף דער וועלט, **קען מען נישט געהאָלפן ווערן בלויז מיט די תפלה פון די צדיקים**, נאר מען דאַרף אויך האָבן דעם 'חלבנה', דער רשע, אַז ער זאָל זיך אויך מצרף זיין און קומען דאַווענען, כדי די תפלות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון.

### שלימות איז בלויז ווען מען איז אויך מצרף די שוואַכע אידן

חכמינו ז"ל לערנען אונז אַז אויב ווען בלויז די צדיקים מאַכן אַ יום תפלה העלפט דאָס נישט, **מען דאַרף האָבן גאַנץ כלל ישראל, אינאיינעם מיט די שוואַכערע, אַז יעדער זאָל דאַווענען צוזאַמען און דעמאָלט קען מען פועל'ן!** די זעלבע זאַך אויב מען וויל באַקומען די שפע פון די ד' מינים **קען מען דאָס נישט ערייכן בלויז מיט'ן 'אתרוג', נאר מען דאַרף אויך ברענגען דעם 'ערבה'**, טראָצדעם וואָס אַסאַך מאָל קוקט שוין די ערבה אויס ווי אינמיטן חול המועד, ווען ס'איז לויט אַלע מפרשים 'אין לו טעם וריח'... אָבער דוקא ווען דער ערבה איז איינגעבינדן צוזאַמען דעמאָלט איז דאָ אַ שלימות, ווייל בלויז ווען אַלע אידן, אויך די שוואַכערע אידן, זענען מאוגד איינע מיט די אַנדערע דעמאָלט זענען זיי זוכה צו אַלע גוטע השפעות.

> **די ד' מינים האָבן אַ כח צו מבריח זיין כל מיני עצבות! דאָס איז נישט געווען בלויז גילטיג אין די צייטן פון חז"ל, נאר מען דאַרף גלייבן באמונה שלימה אַז דאָס איז אַ נצחיות!**

זאָגט דער 'בעל התניא' אַז צוליב דעם וואָס די ד' מינים קומען פון אַ גאָר הויכע שורש, וואָס דאָרט איז נישט פאַרהאַן קיין שום חילוק צווישן די מדות פון 'חסד' און 'גבורה', א.א.וו. דערפאַר איז דאָס מרמז אַז **מען זאָל כולל זיין אַלע סאָרט אידן**, אפילו דער שוואַכסטער איד, ווייל יעדער קען נכלל ווערן אין דער קדושה דורך דעם הויכן כח פון די ד' מינים.

### די 'ערבה' איז מגלה אַז אַלע שרשי נשמות זענען פאַראייניגט

די פשט פאַרוואָס מען דאַרף האָבן אויך דעם 'ערבה' אַלס חלק פון כלל ישראל, איז נישט ווייל מען גייט יעצט פראַווען 'אהבת ישראל'... נאר ווייל דאָ ליגט אַ געוואַלדיגע אמת אַז **בעצם איז דער שורש פון אַלע אידן איינס!**

**ווען א איד שאקלט דעם לולב צו אלע פיר זייטן פון דער וועלט און ער נעמט אריין אין הארץ דעם 'דעת' אז אלעס אויף דער וועלט קומט פון השי"ת**

אפילו ווען אַ איד איז אויף אַ שוואַכע מדריגה און ער שטייט גאָר נידריג איז אָבער פאַרהאַן דער שורש פון זיין נשמה וואָס **דאָרט קומט נישט צו קיין שום 'פגם'** און דאָרט איז ער הייליג און ריין. דאָס וואָס ער איז אַזוי נידריג געפאלן דאָס איז נאָר אויף דער וועלט, אין זיין יעצטיגע מצב, אָבער **אויב מען קוקט אויפ'ן שורש, אַז מען וועט אַריינקריכן אין זיין פּינטעלע איד, זענען אַלע נשמות פון כלל ישראל די זעלבע הייליג!**

און ווען מיר זענען זיך מאגד צוזאַמען מיט אַלע אידן, אפילו מיט די שוואַכע אידן, **איז דאָס זייער אַ גוטע זאַך אויך פאַר אונז,** ווייל מיר זענען דערמיט מגלה אַז מיר קוקן אויף אידן לויט זייער שורש נשמה, מען ברענגט אַרויס פאַר'ן אויבערשטן וואָס איז דער אמת'ער איד; **נישט דער מענטש וואָס דרייט זיך דאָ אויף דער וועלט, נאר זיין הייליגע שורש נשמה.** און אַז מען איז דאָס מעורר ברענגט דאָס אַז אויך אין הימל זאָל מען קוקן אויף דעם שורש פון זיין נשמה, וואו ס'איז קיינמאָל נישט אָנגעקומען קיין שום חטא! **ווען אַ איד זעט זיך איינס מיט די שוואַכסטע נשמה איז דאָס גורם אַז מען זאָל נישט זען אין הימל קיין חטאים און קיין פירוד אויף אידישע קינדער!**

דערפאַר ביי אַ יום תפלה, ווען מען וויל ברענגען אַ שפע אויף דער וועלט, דאַרף מען דאָך עפּעס טון צו מעורר זיין רחמי שמים, ברענגט מען צוזאַמען אַלע נשמות, **אויך די 'חלבנה' נשמות,** צו ווייזן אַז ס'איז דאָ הויכע פּלאַץ וואו דאָרט זענען מיר אַלע אייניג און הייליג, **אַזוי איז מען מעורר אַז דער אויבערשטער זאל קוקן אויף דעם 'שורש הנשמה' פון אידן, וואו אַלע זענען ריין,** און אַזוי קען קומען די שפע, ווייל **דאָרט איז באמת נישטאָ קיין שום פגם!**

### אין די שרשי נשמות איז נישט פאַרהאַן קיין שום חילוקים

קומט אויס אַז ווען אַ איד בינדט צוזאַם די ד' מינים און איז מקיים די מצוה מיט אַלע מינים צוזאַמען, חוץ די עצם זאַך אַז ער איז זיך מקשר מיט די 'חיות אלוקות' וואָס ליגט דאָרט וואָס גיט אים 'דעת' און 'שמחה', איז ער זוכה צו אַרויסברענגען די שפּיץ פּנימיות פון די ד' מינים - **ער איז מגלה אַז ס'איז נישטאָ קיין שום חילוק צווישן דעם "אתרוג" און די "ערבה", ווייל דער שורש נשמות ישראל איז איינס!**

מען פרעגט דעם מענטש: "די ערבה האָסטו געקויפט ערב סוכות פאר זעקס דאָלער, און פאַר'ן אתרוג האָסטו באַצאָלט טייער געלט נאָך לאַנגע זוכענישן פאר אַ הדר, **וויאַזוי קענסטו יעצט גיין און דאָס האַלטן צוזאַמען?** ס'איז דאך אַ בזיון פאַר'ן אתרוג?"... אָבער די תשובה איז אַז מיר זוכן נישט דעם אתרוג צוליב איר חיצוניות, **מיר האָבן געזוכט אַ ריינעם אתרוג ווייל דאָס ווייזט אויף עפּעס העכערס,** און דערפאַר האָט מען אַזויפיל עוסק געווען צו טרעפן אַ מהודר'דיגע אתרוג וואָס זאָל זיין נקי ומהודר.

אין ספר **'שם משמואל'** (סוכות, תרע"ח) שטייט אַז מיט די בכיות פון די תפלות אין די הייליגע טעג, ראש השנה און יוה"כ, וואַשט מען אָפּ אַלע פלעקן וואָס איז דאָ אויף דעם אתרוג און מען קען באַקומען אַ ריינעם אתרוג. מען פאַרציילט טאַקע אויף צדיקים וואָס האָבן האָבן נישט געוואָלט עפּענען די פּושקע פון זייער אתרוג ביז נאָכדעם וואָס זיי האָבן זיך אויסגעוויינט אין די הייליגע טעג.

דאָס איז פאַרוואָס מיר זענען מקפּיד אויף אַ ריינעם אתרוג, **ווייל עס ווייזט אויף אַ הייליגע זאַך, אויף די פּנימיות'דיגע יופי!** און דערפאַר ווען אַ איד בינדט דאָס צוזאַם מיט די ערבה און ער איז זיך מתבונן אין די הבנה דערפון, איז ער זוכה צו פאַרשטיין און האָבן אַן אַנדערע בליק אויף אידישע קינדער.

### ס'איז נישט זיכער ווער איז דער 'אתרוג' און ווער איז ס'איז די 'ערבה'...

צדיקים האָבן אונז אַזוי אַריינגעבאַקן אַז ווען מען זעט אַן אַנדערן איד וואָס איז אויף אַ שוואַכערע מדריגה זאָל מען טראַכטן אַז ווער ווייסט אויב איך וואָלט געבוירן אין אַזאַ שטוב, אין אַזאַ סאָרט מצב, מיט אַזעלכע סאָרט נסיונות, **אפשר וואָלט איך גאָרנישט בעסער געווען** און אפילו אויסגעקוקט נאָך אַרגער.

ווען מען טאַנצט צוזאַמען מיט אידישע קינדער ביי 'שמחת בית השואבה' איז מען מאגד דעם אתרוג מיט די ערבה: **"ווער זאָגט אַז איך בין דער 'אתרוג' און דער אַנדערער איז די 'ערבה', אפשר לויט אונזערביידע אומשטענדן בין איך גאָר די 'ערבה' און יענער איז דער 'אתרוג'"...**

אַזוי זאָגן אונז חז"ל אַז מען דאַרף קוקן דערויף! דאָס איז נישט 'בדרך דרש', נאר **דאָס איז פּשוט די טייטש פון די דברי חז"ל,** אַז די ד' מינים זענען מרמז אויף אַלע סאָרט כתות פון אידן, אַז זיי זאָלן זיך אַלע צאַמבינדן אינאיינעם און אַזוי באַקומט מען אַ גוטע שפע.

דער **בעל התניא** לייגט נאר צו אַז דורך די פּנימיות'דיגע קדושה פון די ד' מינים באַקומט מען דעם דעת אַז מען זאָל זיך טאַקע קענען אַזוי אָנקוקן און אָנקוקן דעם חבר אויף אַזאַ סאָרט אופן! דורך די הויכע שורש פון די ד' מינים קען מען זיך מתבונן זיין צו זען די שורש פון אידישע נשמות, אַז אַלע קומען פון אַ הייליגע פּלאַץ וואו עס רירט נישט אָן קיין שום פגם און חטא, און דעריבער איז נישטאָ קיין חילוק צווישן איין איד מיט'ן אַנדערן!

ה

## מוליך ומביא מעלה ומוריד למי שהשמים והארץ שלו;
## די עבודה פון 'נענועים'

### די נענועים שיילן אָפּ די קליפּות וואָס פאַרשטעלט דעם 'דעת'

אין די גמרא שטייט אַז מ'דאַרף מאַכן נענועים אויף אַלע זייטן כדי צו ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף דער גאַנצער וועלט (סוכה לז, ב): "**מוליך ומביא למי שהארבע רוחות שלו, מעלה ומוריד למי שהשמים והארץ שלו**". מיט דעם וואָס מען איז ממליך דעם אויבערשטן אויף אַלע 'ארבע רוחות' און אויף 'שמים וארץ'

פאַרטרייבט מען די סטרא אחרא, ווי די גמרא פאַרציילט דאָרט (דף לח, א) אויף רב אחא וואָס האָט געזאָגט בשעת די נענועים: "גירא בעינא דשטנא" וואָס אַ פשוט'ער מענטש דאַרף טאַקע אַכט געבן דאָס נישט צו זאָגן, אָבער דאָס איז דער מציאות וואָס פּאַסירט ווען מען איז מקיים די גרויסע מצוה.

דאָס איז אַ פשוט'ע גמרא, נישט קיין הויכע כתבי אריז"ל; **די גמרא פאַרציילט אַז דאָס אַרבעט זייער איינפאַך, איינס מיט איינס:** ווען אַ איד שאָקלט דעם לולב צו אַלע פיר זייטן פון דער וועלט און ער נעמט אַריין אין האַרץ דעם 'דעת' אַז אַלעס אויף דער וועלט קומט פון השי"ת, 'לית אתר פנוי מיניה', **טוט ער אויטאָמאַטיש פאַרטרייבן אַלע קליפות!**

דאָס וואָרט 'קליפה' איז טייטש 'אַ כיסוי וואָס דעקט צו'. דעריבער ווען אַ מענטש קוקט אַריין בפנימיות **האָט ער במילא אָפּגעשיילט די קליפה** און ער קען אָנהויבן לעבן מיט די אמת'ע ידיעה פון אמונה, וואָס ברענגט אים אַ געוואַלדיגע שמחה - ושמחתם לפני ה' אלקיכם.

## די 'נענועים' געבן אונז דעם כח צו זען בעסער אַלע פּאַסירונגען

אַ איד האָט זיך אָנגעגרייט אַ קאַווע און ס'איז געקומען אַ ווינטל פון צפון זייט און אויסגעגאָסן די קאַווע. **אַצינד, אויב דער מענטש וואָלט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דאָס האָט אים פּאַסירט וואָלט ער געשפרינגען פאַר שמחה,** ווייל אפשר איז דאָס געווען 'יסורים ממרקין', עס האָט אים פאַרשפּאָרט אַסאַך אַנדערע שווערע יסורים, אָדער איז דאָ הונדערט אַנדערע סיבות פאַרוואָס דאָס האָט פּאַסירט לטובתו!

ווען מיר שאָקלען דעם לולב צו 'צפון זייט' באַקומען מיר דעם כוח **צו אַראָפּנעמען דעם כיסוי** אַז מיר זאָלן קענען בעסער זען אַלעס וואָס פּאַסירט מיט אונז. **אַזוי ווערט די קליפה אַראָפּגענומען און מען קען אָנהויבן לעבן מיט אמונה צו זען די פנימיות!** די זעלבע זאַך ווען מען שאָקלט צו צפון און צו מערב, למעלה ולמטה, איז מען זוכה צו אָנהויבן זען אַז אַלעס וואָס קומט פון די אַלע זייטן, אַריינגערעכנט די 'טללים רעים' א.ד.ג. איז אַלעס אַ וועג וויאַזוי דער רבוש"ע איז משפיע שפע אונז צו גוטס טון.

## דער פשוט'ער איד וואָס האָט צוגעטראָפן צו אַלע כוונות האריז"ל

ווען מען עפנט 'קבלה ספרים' אויף לולב ואתרוג פאַרשטייט מען נישט צופיל פון די הייליגע בחינות, אָבער דער אמת איז אַז די **אַלע הויכע כוונות ווערן געבויעט דורך אונזער פשטות'דיגע מצוה.**

מען פאַרציילט אַז דער הייליגער **צאַנזער רב, בעל דברי חיים** זי"ע האָט אַמאָל געזען ווי אַ פשוט'ער איד מאַכט די נענועים מיט די ד' מינים און ער זאָגט: "מיינע שונאים פון דער זייט זאלן האָבן אַ מפלה, מיינע שונאים פון דער אַנדערער זייט זאלן אויך האָבן אַ מפלה, א.א.וו."... דער תמימות'דיגער איד האָט אינזין געהאַט זיינע שכינים אָדער אַ גוי וואָס וויל אים צונעמען די קרעטשמע... אָבער דער צאַנזער רב מפליא געווען אַז דער איד האָט דאָ געזאָגט גאַנץ כתבי האריז"ל!

ס'איז שווער צו זאָגן פשט ווען מען רעדט פון אַזעלכע גרויסע מענטשן, אָבער יעדער איד לויט זיין מדריגה וויל דאָך אַז זיינע צרות, וואָס קומט פון די קליפות, זאָלן זיך אָפּשטעלן און ס'זאָל שוין קומען אַ גוטע שפע, דעריבער קען ער בעטן ביים שאָקלן לולב "אנא ה' הושיעה נא", - "**רבוש"ע, איך בין מכיר אַז אַלעס קומט פון דיר, און איך בעט דיר, העלף מיר אַז ס'זאָל זיך אָפּשטעלן אַלע 'טללים רעים' וואָס איז מרמז אויף נישט גוטע זאַכן וואָס קומען פון אַלע זייטן**". יעדע זאַך וואָס צעברעכט זיך אין שטוב, יעדע שפע וואָס איז נישט געקומען אויפ'ן ריכטיגן אופן, ווערט אָנגערופן 'טללים רעים' און די מצות נטילת לולב שטעלט דאָס אָפּ. דערנאָך דאַנקט ער מיט'ן לולב "הודו לה' כי טוב", ווייל ער דערהערט די אלוקות פון די גאַנצע בריאה, און ער דאַנקט שוין אויף אַלע חסדים.

## יעדע אומגינסטיגע זאַך איז 'טללים רעים' און יעדע גוטע שפע איז 'טללים טובים'

מען פאַרציילט אויף אַן אדם גדול עד מאוד, וואָס ער איז אַלעמאָל נאָר געגאַנגען 'בדרך הנגלה', אַז אַמאָל ווען ער האָט געזאָגט 'הודו לה' ביי הלל האָט מען געהערט ווי ער דאַנקט דעם אויבערשטן אויף זיינע איידעמער, אַז זיי זענען תלמידי חכמים און יראי ה'.

"רבוש"ע, איך בין מכיר אַז אַלעס קומט פון דיר, און איך בעט דיר, העלף מיר אַז ס'זאָל זיך אָפּשטעלן אַלע 'טללים רעים' וואָס איז מרמז אויף נישט גוטע זאַכן וואָס קומען פון אַלע זייטן"

אַצינד, איינער וואָס איז נישט געוואוינט צו דעם סאָרט מהלך, ער דאַוונט אין אַ בית המדרש וואו מען שאָקלט זיך ביי די נענועים מיט'ן טלית איבערגעבויגן אַ לאַנגע צייט, קען אפשר קוקן מיט ביטול אויף אַזאַ סאָרט מימרא, ס'איז דען נישטאָ וואָס בעסער צו מכוון זיין ביי די נענועים?! אָבער **דער אמת איז אַז ס'איז נישט אַזוי ווייט איין מהלך פון דער אַנדערער!** ווייל אַלע שווערע פּאַסירונגען וואָס קומט אויפ'ן מענטש אין זיין לעבן, האָט אַ שורש אין די קליפה וואָס דאָס ברענגט עס און אויך פאַרקערט, ווען דער אויבערשטער גיט פאַר'ן מענטש אַ גוטע מתנה האָט ער אים יעצט משפיע געווען אַ שפע וואָס קומט פון אַ גילוי אלוקות. דעריבער ווען אַ מענטש איז זוכה צו גוטע איידעמער, קען די שפע ווערן אָנגערופן מיט'ן נאָמען 'טללים טובים', ביידע קומען דאָך פון אַ שפע אלוקי.

דערפאַר ווען אַ איד מאַכט די נענועים און ער דאַנקט פאַר די 'טללים טובים' און ער בעט צו אָפּשטעלן די 'טללים רעים' **קען ער פשוט אינזין האָבן אויף אַלע גוטע השפעות וואָס ער האָט באַקומען און בעטן אויף אַלע שלעכטע השפעות אַז ס'זאָל שוין נישט קומען!** ס'איז די זעלבע זאַכן, בלויז אין אַנדערע שפּראַך!

דאָס איז דאָך אַזוי וויכטיג צו וויסן, אַז יעדער איד קען רעדן אויף זיין שפּראַך און דורכדעם ווערן צוגעבינדן צו דעם ריכטיגן 'דעת' וואָס וועט אים געבן שמחה אויפ'ן גאַנצן יאָר מיט דעם כח פון די הייליגע ד' מינים.

## סוכה איז משפיע 'דעת', נטילת לולב איז משפיע די 'כלי' צו מקבל זיין דעם 'דעת'

עס שטייט אין **ספרים הק'** אַז עפ"י קבלה ברענגט מצות סוכה אַ 'דעת' אויף דער וועלט, ווי עס שטייט 'למען ידעו דורותיכם' און די ד' מינים זענען די 'כלים' צו קענען ריכטיג מקבל זיין דעם דעת!

דערפאַר איז דאָ אַ גרויסער ענין אַז מען זאָל בענטשן לולב אין דער סוכה, אַזוי זאָל אַריינגיין דער דעת אינעווייניג אין דעם מענטש, טיף אין האַרץ, אַז מען זאָל קענען דערמיט לעבן אַגאַנץ יאָר, און מען זאָל דאָס גוט געדענקן אַלעמאָל ווען מען וועט זיך געפינען אין אַ מצב פון חושך, זאָל מען דעמאָלט קענען זיך מחי' זיין מיט די 'דעת' וואָס מען האָט באַקומען פון די הייליגע סוכה און ד' מינים.